**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/16/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 40 מיליאן דאלער פאר אונטערהאלטנדע סערוויסעס צו ברעכן דער רעדל פון היימלאזיגקייט**

***ניו יארק סטעיט אונטערהאלטנדע האוזינג פראגראם טוט אנבאטן קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג פאר סערוויסעס וואס העלפן יחידים און פאמיליעס אויסצומיידן היימלאזיגקייט***

***סטעיט פינאנצירונג ערלויבט פאר 128 קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו באזארגן אונטערהאלט סערוויסעס צו באדערפטיגע ניו יארקער.***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 40 מיליאן דאלער ווערט אויסגעטיילט פאר 128 נאן-פראפיט ארגאניזאציעס און ארטיגע רעגירונג אינסטאנצן צו באזארגן סערוויסעס פאר איינוואוינער פון אונטערהאלטנדע האוזינג דעוועלאפמענטס אין קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. דער ניו יארק סטעיט אונטערהאלטנדע האוזינג פראגראם, וואס ווערט אנגעפירט דורך דער סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, וועט באזארגן 136 פערמאנענטע אונטערהאלטנדע האוזינג דעוועלאפמענטס ווי אויך 141 ערטער אויפגעזעצן דורך דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פאר היימלאזע סערוויסעס מיט אפעראציע פינאנצירונג גענוצט צו באזארגן די הילף אין וועלכע איינוואוינער נויטיגן זיך אויף צו ברעכן דער רעדל פון היימלאזיגקייט.

"אזוי ווי דער פאנדעמיע האלט ווייטער אן, מוזן מיר ווייטער פארזעצן פארשטערקערן אונזערע אונטערהאלטנדע סערוויסעס נעטווארקס, וועלכע באזארגן פאר באדערפטיגע ניו יארקער די הילף אין וואס זיי נויטיגן זיך צו וואוינען א זיכערע און סטאבילע לעבן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך צוזאמפאַרן צוגענגליכע האָוזינג מיט אונטערהאלט סערוויסעס העלפן מיר באדערפטיגע ניו יארקער צו אדרעסירן און איבערקומען די קאמפליצירטע הויפט אורזאכן פון זייער אומסטאבילע וואוינונגס אומשטענדן, כדי צו קענען זיך ארויסברעכן פון דער בייזער רעדל פון נויטבאדערפטיגקייט און זיך פאראויס-ציען צו וואוינען זעלבסטשטענדיגע, און סיפוק׳דיגע לעבנס."

אין סך הכל, וועט די פינאנצירונג באזארגן סערוויסעס פאר 17,539 איינציגע ערוואקסענע בעטן, 2,542 פאמיליע איינהייטן, און 372 יונגע ערוואקסענע בעטן אין אונטערהאלטנדע האוזינג דעוועלאפמענטס אין 45 קאונטיס לענגאויס דעם סטעיט. זעט א ליסטע פון די אויסטיילונגען.

דער ניו יארק סטעיט אונטערהאלטנדע האוזינג פראגראם איז געאייגנט צו באזארגן פינאנצירונג פאר דירעקט סערוויס ארויסצוהעלפן בארעכטיגטע טיילן פון דער באפעלקערונג וועלכע וואוינען אין פערמאנענטע אדער טראנזיציאנעלע האוזינג פראיעקטן. פינאנצירונג שטיצט די קאסטן פון סערוויסעס געאייגנט צו העכערן האָוזינג סטאביליטעט און מער זעלבסטשטענדיגקייט, אריינגערעכנט באשעפטיגונג פעאיגקייט, געזונטהייט סטאביליטעט און אקאדעמישע דערגרייכונגען.

דער פראגראם העלפט פארשידענע ערליי ניו יארקער, אריינגערעכנט קרבנות פון שטוב-געוואלד; מענטשן מיט גייסטישע קרענק אדער א היסטאריע פון סובסטאנץ באניץ אומארדענונג; וועטעראנען; מענטשן פריער פארמישט אין דער קרימינאלער יוסטיץ סיסטעם; און מענטשן וואס וואוינען מיט HIV/AIDS. ווי אויך: יונגע ערוואקסענע וועלכע עלטערן זיך ארויס פון דער פאָסטער-קעיר סיסטעם; אנטלויפנדע אדער היימלאזע יוגנט; פאמיליעס ועמענס צייטווייליגע הילף לויפט אפ אדער איז שוין אפגעלאפן; פאמיליעס מיט מערערע אפהאלט-סיבות פאר באשעפטיגונג און סטאבילע וואוינונג אומשטענדן; פאמיליעס ריזיקירט אויף צו האבן זייערע קינדער פלאצירט אין פאָסטער-קעיר; און פאמיליעס וועלכע טוען זיך ווידער פאראייניגן מיט קינדער נאך פאסטער קעיר פלאצירונג.

די אונטערהאלט סערוויסעס פינאנצירט דורך דעם פראגראם זענען געאייגנט צו העלפן מענטשן און פאמיליעס צו קענען בלייבן אין סטאבילע האָוזינג כדי אז זיי זאלן קענען אויסמיידן האָוזינג אומזיכערהייט אדער פלאצירונג אין עמערדזשענסי שוץ-ערטער. די סערוויסעס רעכענען אריין קעיס פארוואלטונג; בענעפיטן און העלטקעיר אדוואקאטיר ארבעט; ראט און קריזיס אינטערווענץ; באשעפטיגונג אדער געניטקייט הילף; בילדונג הילף; עלטערן פעאיגקייטן אנטוויקלונג; און לעבנס פעאיגקייטן טרענירונג, צווישן אנדערע.

שטודיעס האבן פילע מאל געוויזן די [לאנג-טערמיניגע און קאסט גינציגקייט](#) פון אונטערהאלטנדע האָוזינג אין העלפן באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג און אנטהאלטן האָוזינג סטאביליטעט. אונטערהאלט האוזינג איז אויך עפעקטיוו אין [דערגרייכן אנדערע פאזיטיווע תוצאות](#) וואס אנבאלאנגט גייסטישע און פיזישע געזונטהייט, און לינדערן דאס באניץ פון העלטקעיר, קארעקשענס, און אנדערע סיסטעמס דורך די וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער בארבארא סי. גווין האט געזאגט,** ״צו אפט טוען ניו יארקער וועלכע שטייען אויס אדער מאכן מיט היימלאזיגקייט אויך זיך ראנגלען מיט אן אונטערליגענדע פראבלעם וועלכע ביישטייערט צו זייער האָוזינג אומזיכערהייט. דער ניו יארק סטעיט אונטערהאלט האוזינג פראגראם באזארגט פינאנצירונג צו נאָנפּראָפיט קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס כדי אז זיי זאלן קענען באזארגן די העכסט-נייטיגע סערוויסעס וואס די פאמיליעס און יחידים קענען אויסניצן אויף צו ברעכן די רעדל פון היימלאזיגקייט.״

**אונטערהאלט האוזינג נעטוואָרק פון ניו יארק עקזעקיוטיוו דירעקטאר לאורא מאסקוטש האט געזאגט,** ״אין נאמען פון אונטערהאלט האוזינג נעטוואָרק פון ניו יארק׳ס איבער 200 נאָנפּראָפיט מיטגליד ארגאניזאציעס דאנקען מיר דער אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף פאר דער לעצטנס-געמאלדענע אויסטיילונגען פון 40 מיליאן דאלער צו שטיצע סערוויסעס אין 136 אונטערהאלט האוזינג וואוינונגען לענגאויס ניו יארק סטעיט דורך דער ניו יארק סטעיט אונטערהאלט האוזינג פראגראם. NYSSHP איז אפטמאל מיטגלידער׳ס איינציגע מקור פון פינאנצירונג צו העלפן טענאנטן וואוינען מיט סטאביליטעט און מיט זעלבסט-עהרע אין זייער קאמיוניטי און איז קריטיש-וויכטיג צו העלפן ברעכן דעם בייזן רעדל פון היימלאזיגקייט פאר די סטעיט׳ס מערסט באדערפטיגע היימלאזע פאמיליעס אן יחידים.״

**דער דעפארטמענט פון סאציעלע סערוויסעס קאמיסיאנער סטיווען בענקס האט געזאגט,** ״דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון סאציעלע סערוויסעס האט געמאכט וויכטיגע פארשריטן אין אדרעסירן היימלאזיגקייט און פארשטערקערן וועגן צו סטאביליטעט פאר אלע ניו יארקער אין נויט. דאס האט אריינגערעכנט באלד 180,000 ניו יארקער צו באדייטנדע פערמאנענטע צוגענגליכע האָוזינג געלעגנהייטן און איבער 16,000 ניו יארקער צו אונטערהאלט האוזינג געלעגנהייטן. מיר זענען דאנקבאר פאר די נויטיגע פינאנצירונג פון דער סטעיט, וועלכס וועט העלפן בויען אויף די פארשריטן און ווייטער פארשטערקערן אונזער אויפגאבע צו באזארגן באדערפטיגע ניו יארקער מיט די סארט הויכע קוואליטעט

שטיצע און רעסאָרסן וואס זיי נייטיגן זיך און וואס קומט זיך זיי אין דער צייט וואס זיי דארפן זיך צוריקשטעלן אויף די פיס.״

**סאציעלע סערוויסעס קאמיטע פארזיצערין ראקסענע פערסאוד האט געזאגט,** ״צענדליגע טויזנטער נויטבאדערפטיגע ערוואקסענע און פאמיליעס לענגאויס ניו יארק סטעיט האבן זיכערע היימען צוליב אונטערהאלט האוזינג פראגראמען. די דאזיגע 40 מיליאן דאלער וואס ווערט אויסגעטיילט פאר באלד 130 נאָנפּראָפיטס האלט אויס פולשטענדיגע סערוויסעס וועלכע טוען אולטימליך שטיצן סטאביליטעט, זעלבסטשטענדיגקייט, דערגרייכונג און ערהוילונג פאר אנגעשטרענגטע ניו יארקער.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418